# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

תשפ"א | פרשת וארא | 365

## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### די חשיבות פון ארויסזאגן די בקשה

**"וַיֵּצֵא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן מֵעִם פַּרְעֹה וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל ה' עַל דְּבַר הַצְפַרְדְּעִים אֲשֶׁר שָׂם לְפַרְעֹה"** (ח ח)

אין מדרש (אסתר רבה ז כד) ווערט דערציילט, א איד איז געגאנגען אויפן וועג און אינמיטן וועג איז זיין פוס צוקלאפט געווארן. דער מענטש האט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און האט געדאווענט עס זאל זיך אים טרעפן א אייזל. עס איז נישט אריבער אסאך צייט און דארט איז אריבער א רוימ'ער וואס זיין אייזל'טע האט יעצט געבוירן, און זעענדיג דעם איד האט ער אים באפוילן ער זאל טראגן אויף זיין אקסל די נייע געבוירענע אייזל. האט דער איד געקרעכצט און זיך אנגערופן: מיין תפילה איז טאקע אנגענומען געווארן, אבער ווייל איך האב נישט ארויסגעזאגט 'א אייזל וואס איך זאל אויף דעם קענען רייטן', איז אנגעקומען א אייזל וואס טוט אויף מיר רייטן...

א מקור אויף דעם אז דער מענטש דארף ארויסזאגן זיין בקשה ביים דאווענען לערנט ארויס דער **'אור החיים'** הקדוש פון דער פסוק:

לכאורה וואלט גענוג געווען אז משה זאל דאווענען: "עַל דְּבַר הַצְפַרְדְּעִים", פארוואס לייגט צו די תורה: "אֲשֶׁר שָׂם לְפַרְעֹה"? נאר, "פון דא זען מיר אז מ'דארף ארויסזאגן קלאר וואס מ'בעט", און וועגן דעם ווען משה האט געדאווענט האט ער ארויסגעזאגט אז זיין כוונה איז נישט אויף אלע צפרדעים פון דער וועלט, נאר אויף די צפרדעים וואס זענען געקומען צו פרעה.

'אור החיים'

### צולייגן הארץ צו א ברכה ברענגט צו יראת שמים

**"הַיָּרֵא אֶת דְּבַר ה' מֵעַבְדֵי פַּרְעֹה הֵנִיס אֶת עֲבָדָיו וְאֶת מִקְנֵהוּ אֶל הַבָּתִּים; וַאֲשֶׁר לֹא שָׂם לִבּוֹ אֶל דְּבַר ה' וַיַּעֲזֹב אֶת עֲבָדָיו וְאֶת מִקְנֵהוּ בַּשָּׂדֶה"** (ט כ-כא)

דערנאך וואס די תורה האט משבח געווען וואס דער "ירא את דבר ה'" האט געטון, האט די תורה געדארפט פארדאמען דעם "אשר לא ירא", פארוואס כאפט אן דער פסוק דעם לשון: "ואשר לא שם ליבו"?

ערקלערט דער משגיח **רבי זיידל אפשטיין**:

די תורה וויל אונז לערנען, דאס וואס ברענגט צו צו א חסרון אין יראת שמים איז דאס נישט צולייגן די הארץ. אויב וואלטן מיר צוגעלייגט הארץ צו די סאך מצוות וואס ער טרעפט זיך אן אין זיי דורכ'ן טאג, וואלטן זיי צוגעברענגט מיר זאלן זיין יראי ה'. דאס זעלבע, אזויפיל מאל זאגן מיר יעדן טאג: "אלוקינו מלך העולם", אויב וואלטן מיר צוגעלייגט הארץ נאר צו די ווערטער וואס מיר זאגן ארויס פון אונזער מויל, וואלט דאס זיכער אריינגעברענגט אין אונז יראת שמים און אונז דערהויבן. ווי גרויס איז די שאדן פון אזא איינער וואס "ואשר לא שם ליבו".

'הערות' מאמר כג

### די שול פון משה - אויסערן שטאט

**"הַעְתִּירוּ אֶל ה' וְרַב מִהְיֹת קֹלֹת אֱלֹקִים וּבָרָד...; וַיֹּאמֶר אֵלָיו מֹשֶׁה כְּצֵאתִי אֶת הָעִיר אֶפְרֹשׂ אֶת כַּפַּי אֶל ה' הַקֹּלוֹת יֶחְדָּלוּן וְהַבָּרָד לֹא יִהְיֶה עוֹד"** (ט כח-כט)

"'כצאתי את העיר'... אבל בתוך העיר לא התפלל, לפי שהיתה מלאה גלולים" (רש"י, ע"פ שמ"ר יב ה).

די פראגע איז שווער פון זיך אליינ'ס: ביז יעצט, ווען ער האט געדאווענט אויף די אנדערע מכות זאלן בטל ווערן, האט דען משה נישט געדארפט ארויסגיין פון די שטאט?

ערקלערט דער **רמב"ן**:

ריכטיג טאקע, ביי אלע זיינע תפילות האט משה געדארפט ארויסגיין פון שטאט, אבער נאר יעצט האט ער עס באטאנט, ווייל אנדערשט פון די פריערדיגע מכות וואס האבן זיך אפגעטון נאר אויף צו מארגנ'ס, האט ער יעצט געבעטן אז די האגל זאל זיך שוין אויפהערן, אזוי ווי עס שטייט: "**ורב** מהיות קלת אלקים וברד" [און ווי רש"י ערקלערט דארט: "עס איז שוין גענוג געווען וואס איז געווען ביז יעצט"], וועגן דעם האט אים משה געזאגט אז ער וועט דארפןווארטן ביז ער וועט ארויסגיין פון שטאט.

**רבי יצחק אברבנאל** צייכנט אן אין דעם ענין א וואונדערליכער זאך:

"די אמת איז אז משה רבינו האט געהאט גרייט אויסער די לאנד מצרים א הויז וואו דארט האט ער געדאווענט און זיך אפגעשייד פון מענטשן, און ביזן היינטיגן טאג שטייט נאך דאס הויז אין מצרים, און עס איז א הייליגע הויז, און די אידן פון יענע לענדער נעמען זיך דארט צוזאם... און אויף דעם האט משה געזאגט: 'כצאתי את העיר אפרוש כפי אל ה'".

רמב"ן; אברבנאל ט יג

### דאווענען מיט אויפגעהויבענע הענט - אונז נישט

**"וַיֵּצֵא מֹשֶׁה מֵעִם פַּרְעֹה אֶת הָעִיר וַיִּפְרֹשׂ כַּפָּיו אֶל ה'"** (ט לג)

אזוי ווי מיר טרעפן אין די פסוק, טרעפן מיר נאך פסוקים וואס דערציילן אויף די מנהג פון אונזערע אבות צו דאווענען מיט אויפגעהויבענע הענט. פארוואס היינטיגע צייטן פירן מיר זיך נישט אזוי?

ענטפערט **רבי יששכר בער איילנבערג**:

אויפן פסוק (דברים טז כב): "וְלֹא תָקִים לְךָ מַצֵּבָה אֲשֶׁר שָׂנֵא ה' אֱלֹקֶיךָ", ערקלערט רש"י: "טראץ וואס דאס איז אים געווען באליבט נאך פון די צייטן פון די אבות, יעצט האט ער עס פיינט, ווייל זיי האבן עס געמאכט פאר די עבודה זרה". אויך אזוי לגבי 'נשיאת כפים' בשעת'ן דאווענען קען מען זאגן; ווייל אין אונזערע צייטן פירן זיך די גוים אזוי צו דאווענען, איז עס געווארן פארפיינטעט פאר השי"ת.

שו"ת 'באר שבע' סי' עא

### זיך שטארקן מיט אמונה פארן דאווענען

**"כְּצֵאתִי אֶת הָעִיר אֶפְרֹשׂ אֶת כַּפַּי אֶל ה' הַקֹּלוֹת יֶחְדָּלוּן וְהַבָּרָד לֹא יִהְיֶה עוֹד"** (ט כט)

"אבל בתוך העיר לא התפלל, לפי שהיתה מלאה גלולים" (רש"י, ע"פ שמו"ר יב ה).

א שטארקער מוסר דערהער לערנט ארויס פון דא דער ראב"ד **רבי משה שטערנבוך**:

אויב די עבודה זרה וואס געפונט זיך אין שטאט שטערט דאס דאווענען, איז דאך זיכער די עבודה זרה וואס געפונט זיך חלילה אין הארץ פון מענטש. פון דא לערנען מיר ארויס די געוואלדיגע חיוב וואס דער מתפלל דארף זיך שטארקן מיט אמונה בעפאר ער גייט צו צום דאווענען, און דאס וועט זיכער צוהעלפן אז זיין תפילה זאל אנגענומען ווערן.

'טעם ודעת'

פון דא קען מען אויך טרעפן א שטיקל ערקלערונג אויף די מנהג צו ענטפערן 'אמן' אויף די ברכות השחר פון א צווייטן, ווייל דער רבנו בחיי זאגט (שמות יד לא) מ'האט מתקן געווען ענטפערן אמן כדי צו מחזק זיין די אמונה אין די הארץ פון דער וואס ענטפערט, און ווי געזאגט, אזא התחזקות איז זייער חשוב פארן דאווענען.

## "מה העבודה הזאת לכם..."

דעם קומענדיגן דאנערשטאג הבעל"ט ט' שבט געפאלט אויס די יארצייט פון חוסטער דיין רבי **יעקב קטינא** זצ"ל. אין זיין באוואוסטע ספר 'רחמי האב' וואס איז געדרוקט געווארן אין צענדליגע מהדורות, זאגט ער מוסר איבער דער חוב אכטונג צו געבן אויף ענטפערן אמן, און אזוי שרייבט ער:

**"מ'זאל זייער אכטונג געבן צו ענטפערן אמן, ווייל וואס וועט מען ענטפערן אין בית דין של מעלה ווען מ'וועט פרעגן: 'פארוואס האסטו נישט געענטפערט אמן - וואספארא ארבעט איז דעס?' און אויף דעם קומט דער רמז (תהלים פג יז): 'מלא פניהם קלון' - איז סופי תיבות אמ"ן".**

'רחמי האב' אות נו



ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר
פון דאווענען

## ברכת 'המעביר שינה'

### א לויב אויפן אוועקנעמען די חבלי שינה

דערנאך וואס מיר האבן געלויבט דעם אייבערשטן מיט די 'ברכות השחר' אויף די אלע גוטע זאכן וואס מיר האבן באקומען פון אים, ענדיגן מיר די ברכות מיט א ספעציעלע ברכה: "המעביר שינה מעיני ותנומה מעפעפי".

די לשון הגמרא (ברכות ס ב) רעדנדיג פון די ברכה איז: "כי משי אפיה [ווען ער וואשט אפ זיין פנים], לימא [זאל ער זאגן]: 'ברוך המעביר **חבלי** שינה מעיני ותנומה מעפעפי', און אזוי איז אויך דער נוסח אין רמב"ם (תפילה ז ד). אבער אין מסכת דרך ארץ רבה (פרק היוצא הל' יז) איז דער נוסח: "המעביר שינה", און אסאך ראשונים זענען אזוי מעתיק דעם נוסח (סדר רב עמרם גאון ברכות השחר; רא"ש ברכות ט כג; תוספות ברכות מו א ד"ה כל).

ביי די ברכה "פוקח עורים" האבן מיר געלויבט ה' אויף דעם וואס ער האט געעפנט די אויגן ווען מיר זענען אויפגעשטאנען פון שלאף, און ביי די ברכה לויבן מיר אויפן אוועקנעמען אינגאנצן די שלאף פון אונזערע אויגן, אזאך וואס ווערט געטון דורך אפוואשן די פנים, וואס מיט דעם שווענקען מיר אפ די לעצטע פוס-טריט פון די שלאף ('אבודרהם' ברכות השחר).

דער משגיח רבי ירוחם הלוי פון מיר האט ערקלערט:

אויב וואלט דער מענטש געדרימלט אויך דורכ'ן טאג, וואלט ער נישט געווען פעאיג צו טון עפעס. וויפיל דארף ער דאנקען הקדוש ברוך הוא אויף דעם וואס אינדערפריה נעמט ער אינגאנצן אוועק פון אים די שלאף, אזוי ווייט אז אויך א לייכטע דרימל פעלט אים נישט אויס אינמיטן טאג ('חקרי לב' [פון ר"ר מלמד] עמ' קסח).

אויסער די ענין פון 'אוועק נעמען די שלאף', שרייבן די ראשונים, אז ביי די ברכה לויבן מיר אויך אויף די עצם פארדינסט וואס די קערפער האט פון די שלאף, סיי מיטן זיך אפרוען פון די פלאגעניש פון טאג, און סיי אז בשעת'ן שלאפן ווערט די עסן בעסער פארדייט, קומט אויס אז דער גאנצער קערפער שטארקט זיך ('כלבו' סי' א; 'אורחות חיים' דין מאה ברכות א ט).

### דער אונטערשייד פון 'שינה' און 'תנומה'

מיר כאפן אן דער לשון 'שינה' לגבי די אויגן און 'תנומה' לגבי די אויגן-דעקלעך - לויט דעם לשון הפסוק (תהלים קלב ד): "אִם אֶתֵּן שְׁנַת לְעֵינָי לְעַפְעַפַּי תְּנוּמָה". ווייל דער מענטש וועקט זיך נישט אויף פון זיין שלאף אויף איינמאל; נאר אין אנהייב עפענען זיך זיינע אויגן פון זיין טיפע שלאף און זיינע גלידער הייבן אן צוריק ארבעטן, ביז שפעטער ווען ער שווענקט אפ זיין פנים גייט אויך אוועק די גרינגע 'דרימל' פון זיינע אויגן-דעקלעך (ראה פסחים קכ ב), און אזוי קען ער אנהייבן זיין ארבעט פון די נייע טאג (פירוש 'שיח יצחק' בסידור הגר"א).

א אינטערעסאנטער הנהגה שרייבט רבי יוסף חיים אין זיין ספר 'עוד יוסף חי' (הלכות, וישב י): אויב זעט א מענטש בשעת'ן זאגן די ברכה 'המעביר שינה' אז ער געפונט זיך אין א מצב פון דרימלען, און זיין שלאף איז נאכנישט אינגאנצן אוועק פון אים, איז ראוי ער זאל צו ווארטן פון צו זאגן די ברכה ביז די שלאף וועט אינגאנצן אוועקגיין (ראה משנ"ב נב י).

### א ברכה אויפן וואשן די פנים

אזוי ווי עס איז פריער געברענגט געווארן, אין גמרא זען מיר אז די ברכה 'המעביר שינה' האט מען מתקן געווען צו זאגן בשעת'ן וואשן די פנים. דעריבער שרייבט דער רמב"ם (תפילה ז ה) אז אין טעג וואס מ'וואשט נישט די פנים, אזוי ווי תשעה באב און יום כיפור, זאל מען נישט זאגן די ברכה (אבער זעה אין ריטב"א תענית ל א; משנ"ב תקנד לד).

וואשן די פנים בעפאר תפילת שחרית איז א מצוה, אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט (שם ד ג): "שחרית רוחץ פניו ידיו ורגליו ואחר כך יתפלל", און זיין מקור איז פון די גמרא (שבת נ ב): "רוחץ אדם פניו ידיו ורגליו בכל יום, שנאמר (משלי טז ד): 'כל פעל ה' למענהו'".

רבי שמואל סג"ל לנדא אב"ד פראג ערקלערט (שו"ת 'נודע ביהודה' תניינא או"ח סי' קמ), אז די הלכה איז געבויעט אויפן לשון הפסוק (עמוס ד יב): "הכון לקראת אלקיך ישראל", פון דעם לערנען מיר אז א מענטש דארף זיך גרייטן יעדן אינדערפריה צו עבודת הבורא. אזוי ווי א מענטש וואס גייט שטיין פאר א קעניג וועט נישט קומען ווען ער איז שמוציג פון ליים און שווייס, על אחת כמה וכמה ווען ער שטייט פארן אייבערשטן. דעריבער איז דער מענטש באפוילן געווארן צו וואשן די הענט און די פנים פארן דאווענען, אבער דער מנהג פון וואשן די פוס איז נישט איינגעפירט היינטיגע צייטן, ווייל מיר גייען היינט נישט בארוועס ווי אמאל.

די מעלה פון וואשן די פנים אינדערפריה קען מען זיך אפלערנען פון די עדות פון שמואל (שבת קח ב ע"פ רש"י שם) אז די 'טראפ וואסער' וואס מיט דעם וואשט ער אפ זיינע אויגן אינדערפריה, איז מער בעסער פון אלע מעדיצינען אויף דער וועלט.

### אויף 'המעביר שינה' פאר די צדיקים ענטפערט מען אמן

די ראשונים קריגן זיך ארום צי די בקשה 'יהי רצון...' וואס ווערט געזאגט נאך די ברכה "המעביר שינה", איז א בקשה פאר זיך, אדער עס איז א פארזעצונג פון די ברכה "המעביר שינה". עס זענען דא וואס האלטן אז דאס איז איין לאנגע ברכה וואס הייבט זיך אן מיט 'המעביר שינה' און ענדיגט זיך מיט 'הגומל חסדים טובים'. לויט דעם טאר מען נישט ענטפערן 'אמן' נאך 'המעביר שינה', ביז דער מברך וועט ענדיגן די גאנצע ברכה (תוספות ברכות שם, און אזוי איז גע'פסק'נט אין שו"ע או"ח מו א).

אבער עס זענען וואס קריגן און האלטן אז די ברכה "המעביר שינה" איז א עקסטערע ברכה, און וועגן דעם דארף מען ענטפערן אמן נאך די ברכה המעביר שינה, בעפאר די בקשה "יהי רצון" (רוקח סי' שכ, און אזוי פסק'נט דער גר"א - 'אמרי נועם' ברכות מו א). עס זענען דא וואס האלטן אז כדי נישט אריינגיין אין א ספק, איז ענדערשט מ'זאל זאגן די ברכה "המעביר שינה" שטיל כדי די צוהערהער זאלן נישט ווערן מחוייב צו ענטפערן 'אמן'. אבער דער וואס הערט איינעם זאגן די ברכה 'המעביר שינה' הויעך, זאל נישט ענטפערן אויף דעם אמן, אזוי ווי עס איז גע'פסק'נט אין 'שולחן ערוך' ('משמרת שלום' ח ד).

דער יהודי הקדוש פון פשיסחא האט ערקלערט פארוואס האט מען באהאפטן די ברכה 'המעביר שינה' צו די 'יהי רצון', לויט וואס די חכמים זאגן (סנהדרין עא ב): "שינה לרשעים - הנאה להן [זיי זינדיגן נישט] והנאה לעולם [זיי קענען נישט שלעכטס טון פאר מענטשן], ולצדיקים - רע להן [זיי זענען בטל פון די תורה] ורע לעולם [זייער תורה באשיצט נישט אויף זייער דור]".

ווען א מענטש שטייט אויף פון זיין שלאף און דאנקט דעם אייבערשטן אויף דעם וואס ער נעמט אוועק די שלאף פון זיינע אויגן, ווייסן מיר נישט צי דאס אויפשטיין פון זיין שלאף איז א גוטע זאך וואס איז ראוי מ'זאל אויף דעם זאגן א ברכה. אבער ווען ער בעט ווייטער: "יהי רצון... שתרגילנו בתורתך ודבקנו במצוותיך ואל תביאנו לא לידי חטא..." וכו', איז עס א קלארע עדות אז ער איז א צדיק וואס וויל זיך מדבק זיין אין תורה און מצוות, און פאר אזא מענטש איז דאס אויפשטיין א גוטע זאך וואס אויף דעם קומט א ברכה, און מיר קענען אויף דעם ענטפערן 'אמן' ('נפלאות היהודי' דף כא ע"ב).

**בָּרוּךְ אַתָּה ה' אֱלֹקֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַמַּעֲבִיר שֵׁנָה** - די שלאף **מֵעֵינָי, וּתְנוּמָה** - און אויך דעם דרימל **מֵעַפְעַפָּי**, און אזוי בין איך גרייט צו די טעגליכע ארבעט.

**אָמֵן - אמת** אז אויף אונז ליגט צו לויבן ה' אויף דעם וואס ער באנייט די כוחות פון דער מענטש יעדן טאג ווען ער שטייט אויף פון זיין שלאף.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## יעדע רייזע האט זיין אדרעס

נישט אייביג איז דער מענטש זוכה צו זען די השגחה פרטית וואס הקב"ה איז משגיח אויף זיין וועלט, און אין די כח פון תפילה צו מעורר זיין א ישועה פון הימל, אויף אזא וואונדערליכע וועג אזוי ווי אין די ערציילונג וואס איז פאר אייך, וואס האט פאסירט פאר ארום צוואנציג יאר צוריק, די ערציילונג האט זיך אנגעהויבן אין צוויי פארשידענע פלעצער, און אין ענדע האט זיך עס געענדיגט מיט א אינטערעסאנטער באגעגעניש וואס פון דעם איז געשאפן געווארן די וואונדערליכע ערציילונג וואס איז פאר אייך:

**די ערציילונג פון יעקב:**

איך בין א 'דרייווער' פון א לאסט-אויטא אין א גרויסע און פארצווייגטע ארגאניזאציע. אין מיין קאנטראקט שטייט געשריבן אז מיינע עמטליכע שעות פון ארבעט זענען צווישן צוועלעף מיטאג ביז ניין אזייגער ביינאכט, אבער איך מוז זיין גערישט אין יעדע צייט אויב מ'וועט מיך רופן צוליב א דרינגדן זאך.

מיין ארבעטסגעבער איז א ארנטליכער און א גראדער מענטש, און ער פאדערט אויך פון זיינע ארבעטער זיך צו פירן גראד און ארנטליך. געווענליך מיינע ארבעטס שעה'ן זענען ווי אפגעשמועסט פון פריער, פון צוועלעף ביז ניין, און די אויסנאם פעלער ווען איך האב געדארפט ארבעטן אין אנדערע שעה'ן, זענען טאקע זעלטן, און אויך ווען עס האט פאסירט, האט עס געהאט א גערעכטיגע סיבה.

דעריבער, איין נאכט ווען האב איך זיך אויפגעוועקט צוויי אזייגער פארטאגס הערנדיג דעם טעלעפאון קלינגען, און פון די אנדערע זייט האט זיך געהערט די שטימע פון מיין ארבעטסגעבער, האב איך פארשטאנען אז יעצט איז אזא צייט וואס איך דארף ערפילן וואס עס שטייט אין קאנטראקט און אננעמען די ארבעט אויך אין די צייט.

עס איז גרינג זיך פארשטעלן ווי גרויס איז געווען מיין איבערראשונג ווען איך האב געהערט פון מיין ארבעטסגעבער די סיבה פארוואס איך מוז זיך אפשיידן פון דיווארעמע בעט אין אזא פריע שעה און פארן צו די שטאט קרית אונו וואס איז ווייט צוואנציג קילאמעטער פון מיין הויז - נאר כדי צו ברענגען פון דארט יוסף, א דרייווער פון א אנדערע לאסט-אויטא וואס האט יעצט געדארפט אנהייבן זיין ארבעט און האט נישט געהאט קיין אנדערע וועג אנצוקומען פון זיין הויז צו זיין ארבעטס פלאץ, נאר מיט מיין לאסט-אויטא.

אין די ערשטע סקונדע בין איך געווען שאקירט; וועגן דעם האט מען מיך ארויסגעריסן פון מיין בעט אין אזא פריה שעה? עס איז דען נישטא קיין אנדערע וועג וויאזוי דער יוסף זאל אנקומען צו זיין ארבעט, אויסער מיט מיין לאסט-אויטא?

אבער איך האב געוואוסט אז אין די פלאץ וואו איך ארבעט 'פרעגט מען נישט קיין שאלות', דער 'באס' ווי געזאגט איז א ארנטליכער און גראדער מענטש, אבער פון די צווייטע זייט פאדערט ער פון זיינע ארבעטער אז זייער פליכט צו אים זאל אינגאנצן ערפילט ווערן. איך האב אונטערגעשריבן די קאנטראקט וואו דארט שטייט אז איך דארף אננעמען יעדע רוף אין יעדע צייט, און אזוי דארף איך טון.

איך האב זיך צוגעאיילט, און איך בין ארויס צו די קאלטע נאכט ווען אין הארץ האב איך א שלעכטע געפיל. איך האב מחליט געווען צו פארן מיט מיין פריוואטע אויטא און נישט מיט די לאסט-אויטא וואס ליגט אין מיין באנוץ, 'צו טראגן איין מענטש פעלט נישט אויס א לאסט-אויטא' - האב איך געטראכט צו מיר.

אלץ א גלויביגער איד, טראץ די אומאנגענעמע געפיל וואס האט מיך ארום גענומען, האב איך זיך מחזק געווען מיט די ידיעה אז דאס איז זיכער דער רצון ה', און נאר ער ווייסט די אמת'דיגע ציל צוליב וואס איך האב געמוזט אויפשטיין פון מיין שלאף אין אזא פריה שעה. איך האב נישט געוואוסט ווי שנעל איך וועל אלעס פארשטיין.

**די ערציילונג פון שלום:**

איך ארבעט אלץ א משגיח כשרות אין א עסן-פאבריק אין צענטער פון לאנד. צוליב מיין ארבעט דארף איך זיך אויפהאלטן אין די פאבריק און זיך אמקוקן אגאנצע צייט וואס די פאבריק ארבעט ביזן ענדע. געווענליך ארבעט איך אין נארמאלע שעות וואס דעמאלטס טוט די פאבריק פרודעצירן די עסנווארג אויף וואס איך דארף זיין דער משגיח, אבער זייער זעלטן קען פאסירן דורכפעלער...

אזוי איז אויך געווען אין יענע ווינטער נאכט. א אומגעראכטענע פאנטשער וואס איז געשען אינמיטן ארבעט האט אינגאנצן אפגעשטעלט די ארבעט. פאררעכטן די פאנטשער האב גענומען אסאך צייט, און ווייל עס האט געהאלטן אינמיטן די ארבעט, איז דאס אפשטופן אויף מארגן געווען פארבינדן מיט גרויסע שאדנ'ס. דעריבער האב איך געמוזט זיך אויפהאלטן אין פאבריק ביז צוועלעף אזייגער ביינאכט.

ווייל איך האב נישט א אייגענע אויטא, בין איך צוגעוואונט צו פארן מיט די שטאטישע באסעס. איך בין געלאפן צו די נעענטסטע סטאנציע האפנדיג צו כאפן דעם לעצטן באס. אבער זייער שנעל בין איך געוואר געווארן אז דער לעצטער באס איז שוין אוועקגעפארן, וואס דאס באדייט אז איך וועל מוזן אנקומען אין שטוב דורך 'טרעמפן'. דאס וואס די פלאץ וואו איך בין געשטאנען איז נישט געווען קיין הויפט-גאס, האט צוגעברענגט אז אלעס איז געווארן דאפלט פארפלאנטערט. די פאסירונג איז געווען אין די תקופה וואס א 'סאלפאון' איז געווען זייער א זעלטענע זאך, אזוי אז די אפציע צו באשטעלן א טעקסי איז אויך נישט געווען.

נישט האבנדג קיין אנדערע וועג האב איך אויסגעשטרעקט מיין האנט און פראבירט מיין מזל. עס רעדט זיך פון גאנץ א זייטיגע גאס, און אין זייער א שפעטע צייט, אזוי אז קיינער פון די ווייניג מאשינען וואס זענען דארט אריבער געפארן, האט זיך נישט אפגעשטעלט נעבן מיר.

כמעט צוויי שעה בין איך אזוי געשטאנען, ציטערנדיג פון קעלט, און די ישועה האט זיך פארזוימט פון צו קומען, אפילו איין אויטא האט זיך נישט אפגעשטעלט פאר מיר. איך האב זיך שוין כמעט מייאש געווען, אבער אין סוף האט מיך אויפגעבליצט מיין געדאנק; 'א מינוט, וויאזוי גיי איך זיך מייאש זיין בעפאר איך האב געדאווענט אויף א ישועה!'.

איך האב זיך אוועקגעזעצט אין דיליידיגע סטאנציע און איך האב אנגעהויבן בעטן און דאווענען צו השי"ת ער זאל מיך ראטעווען פון די פלאץ און מיך שנעל אהיים פירן צו מיין הויזגעזונד וואס זארגן זיכער אויף מיר.

ווען איך האב געענדיגט דאווענען האב איך געפילט אין מיין הארץ א רואיגקייט. איך בין אויפגעשטאנען פון מיין פלאץ און איך האב זיך ווידער אוועקגעשטעלט ווארטן אויף די קומענדיגע אויטא וואס וועט דארט אדורך פארן. עס איז נישט אדורך נאר געציילטע מינוטן, און איך האב שוין באמערקט די לעמפלעך פון די מאשין וואס דערנענטערט זיך, איך האב אנגעהויבן ווייזן מיט די הענט.

**דערציילט ווייטער יעקב:**

זייענדיג אויפן וועג צו די ריכטונג פון קרית אונו, ווען איך בין ארויס פון די שטאט וואו איך וואוין, האב איך באמערקט צו מיין איבערראשונג א איד וואס האט אויסגעזען ווי א בן תורה, וואס שטייט נעבן די סטאנציע און ווינקט צו מיין ריכטונג.

אלץ דרייווער פון א לאסט-אויטא, קען איך זיך נישט אפשטעלן אויף א טרעמפ, לויט די געזעצן טאר איך נישט אזוי טון. איך האב זיך זייער געפריידט אז דאס מאל האב איך באשלאסן פארן מיט מיין פריוואטע אויטא, און אזוי וועל איך קענען העלפן דעם איד.

איך האב זיך אפגעשטעלט נעבן אים און ער איז אריין אין מיין אויטא ווען ער רופט אויס מיט גרויס שמחה; "א גרויסן יישר כח! איך האב נישט קיין ווערטער!", און נאר דעמאלטס האב איך זיך געכאפט אז איך דארף אים פרעגן: וואו ווילסטו אנקומען?

"איך וואוין אין קרית אונו, אבער איך וועל זיך פרייען צו פארן מיט דיר צו יעדע פלאץ וואס וועט מיך דערנענטערן צו מיין הויז" - האט דער גאסט געענטפערט. ווי גרויס איז געווען זיין פרייד ווען איך האב אים געזאגט אז מיין ריכטונג איז אויך קרית אונו.

"ווייסט מיר קענען ווייזן די גאס וואו איך דארף אנקומען?" - האב איך אים געפרעגט, "זיכער!" האט ער געענטפערט, "פונקט אין די גאס וואוין איך!".

"עס איז אומגלויבליך! אומגלויבליך!" - האבן אונזביידע נישט געקענט באהאלטן אונזער התפעלות, "נאך צוויי שעה ווארטן פאר'יאוש'דיג, האב איך געדאווענט און באלד געהאלפן געווארן!" - האט דער מענטש אויסגעפירט.

ווען מיר זענען אנגעקומען צו זיין הויז האט ער זיך געזעגנט פון מיר ווען ער באדאנקט זיך פאר מיר, און האט מיר געוויזן די הויז פון יוסף-דער דרייווער וואס געפונט זיך עטליכע הייזער ווייט פון זיין הויז.

איך בין אנגעקומען צו די שטוב פון יוסף נאר כדי צו וויסן אז ער האט באשלאסן צוליב זיינע פריוואטע סיבות מיך נישט צו ווארטן, און האט שוין אנגעיאגט פארן מיט א אנדערע וועג.

וואלט די מציאות אנדערש געווען, וואלט די זאך מיך אינגאנצן צורידערט, אבער יעצט האב איך אלעס פארשטאנען. איך בין געווען נישט מער ווי א שליח פון הימל צו פירן דעם טייערן איד צו זיין הויז, נאך וואס ער האט געדאווענט אויף דעם פון טיפן הארץ.

'תעיתי כשה אובד' עמ' 209

shay עיצובים